# דער זון

.1

די שיף פון ישראל האָט געזאָלט אָנקומען צוועלף אַזייגער באַטאָג, אָבער זי האָט זיך געהאַט פאַרשפּעטיקט. זי האָט געלאַנדט אין ניו־יאָרק האַפן אין אָוונט, און ערשט דעמאָלט האָב איך געמוזט וואַרטן אַ צייט ביז מ׳וועט אַראָפּלאָזן די פּאַסאַזשירן. דער דרויסן איז געווען הייס און רעגנדיק. אַ המון מענטשן איז געקומען אָפּוואַרטן די שיף. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק איז דאָ דערביי: אַסימילירטע ייִדן, און רבנים מיט לאַנגע בערד און פּיאות; מיידלעך מיט נומערן אויף די אָרעמס פון היטלערס לאַגערן און באַאַמטע פון ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס מיט געפּאַקטע פּאָרטפעלן; ישיבה־בחורים אין סאַמעטענע קאַפּעלאַטשן און מיט ווילד־צעוואַקסענע בערדלעך, און וועלטלעכע דאַמען מיט געררוזשטע פּנים׳ער און רויטע נעגל אויף די פינגער פון די פיס. כ׳האָב מיר אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז כ׳וואוין־ביי אַ נייעם אָפּשניט אין דער ייִדישער געשיכטע. ווען האָבן ייִדן געהאַט שיפן? און אויב יאָ, זענען זיי געשוואומען קיין צור און צידון, נישט קיין ניו־יאָרק. אויב אַפילו ניטשעס משוגענע טעאָריע וועגן דער אייביקער איבערחזרונג איז ריכטיק, וואָלט געדאַרפט דויערן קוואַדריליאָנען און קוואַנטיליאָנען עפּאָכן אַז אַ קליינע טייל דערפון וואָס קומט איצט פאָר זאָל האָבן צושטאַנד־געקומען פריער. נו, אָבער ס׳איז אַלץ פונדעסטוועגן לאַנגווייליק און איבערדריסיק. כ׳האָב אָפּגעמאָסטן יעדן אייגעם פון דעם עולם און זיך יעדעס מאָל געפרעגט דאָס אייגענע: מיט וואָס איז ער מיין ברודער? מיט וואָס איז זי מיין שוועסטער? די ניו־יאָרקער ווייבער האָבן זיך געפּאָכעט, גערעדט אַלע אויף אַמאָל מיט הייזעריקע שטימען, זיך געקוויקט מיט שאָקאָלאַד און קאָקאַ־קאָלאַ. אַ נישט־ייִדישע תקיפות האָט אַרויסגעבויערט פון זייערע בליקן. ס׳איז שווער געווען צו־צוגלויבן אַז זייערע לייבלעכע ברידער און שוועסטער אין אייראָפּע זענען מיט אַ פּאָר יאָר פריער געגאַנגען צו דער שחיטה ווי שאָף. מאָדערנע אָרטאָדאָקסישע יונגעלייטלעך מיט פּיצעלעך קאַפּעלעך, ווי פּלאַסטערס פאַרבאָרגן צווישן די געדיכטע שעוועליורן, האָבן גערעדט הויך אויף ענגליש, פּיפּיק זיך געוויצלט מיט די מיידלעך וואָס זייער אויסזען און הלבשה האָט

נישט געוויזן קיין שום צייכן פון רעליגיע. אפילו די רבנים זענען דאָ אַנדערש ווי מיין טאַטע און זיידע. זיי האָבן אויסגעקוקט וועלטלעך־קלוג און אַמעריקאַניש געניט. כמעט אַלע, חוץ מיר, האָבן זיך געהאַט באַזאָרגט מיט דערלויבענישן אַרויפצוגיין אויף דער שיף. זיי האָבן משונה־גיך געשלאָסן קאַנטשאַפט, זיך געטיילט מיט אינפאָרמאַציע, ווייסנדיק געשאָקלט מיט די קעפּ. פון דער שיף האָבן אָנגעהויבן אַרויסקומען אָפיצירן פון דער מאַנשאַפט, די גלות׳דיקע היימישיקייט פאַרבאָרגן הינטער אוניפאָרמען, שליפעס, באַגילדטע קנעפּ. זיי האָבן גערעדט דאָס העבראיש מיט גויאישע טענער.

איך בין געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ זון וואָס איך האָב אים שוין נישט געזען צוואַנציק יאָר. ער איז אַלט געווען פינף יאָר ווען כ׳האָב מיך געשיידט מיט זיין מוטער. איך בין געפאָרן קיין אַמעריקע, זי — קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. אָבער איין רעוואָלוציע איז אַפנים, געווען פאַר איר ווייניק. זי האָט פאַרלאַנגט אַ „פּערמאַנענטע רעוואָלוציע״ און מ׳וואָלט זי דאָרט, אין מאָסקווע, געווען ליקווידירט ווען זי וואָלט נישט געהאַט קיין צד אין די הויכע פענצטער. די מומעס אירע וואָס זענען אויסגעזעסן אַלע פּוילישע תפיסות פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט, האָבן זיך געמיט פאַר איר און מ׳האָט זי צוזאַמען מיטן קינד דעפּאָרטירט קיין טערקיי. פון דאָרט האָט זי זיך דערשלעפּט קיין פּאַלעסטינע און אויפגעצויגן דעם זון אין אַ קיבוץ. איצט איז ער געקומען צו מיר צו־גאַסט.

ער האָט מיר געהאַט געשיקט אַ פאָטאָגראַפיע פון דער צייט ווען ער האָט געדינט אין מיליטער און זיך געשלאָגן מיט די אַראַבער, אָבער זי איז נישט קיין קלאָרע. דערצו איז ער דאָרט אָנגעטאָן זעלנעריש. ערשט איצט, אַז די ערשטע פּאַסאַזשירן האָבן זיך גענומען ווייזן, איז מיר אויפגעפאַלן אַז כ׳האָב נישט קיין געניטעם באַגריף ווי מיין זון זעט־אויס. איז ער הויך? איז ער נידריק? זענען אים די בלאָנדע האָר געוואָרן טונקל מיט די יאָרן? דאָס אָנקומען פון דעם דאָזיקן זון קיין אַמעריקע האָט מיך צוריקגעשלעפּט צו אַ תקופה וואָס האָט שוין געהערט צו דער אייביקייט. ער האָט אויפגעטויכט פון דעם אַמאָל ווי אַ חלום אָדער אַ פאַנטאָם. נישט ער האָט אַריינגעפּאַסט אין מיין איצטיקער היים און נישט אין מיינע פאַרהעלטענישן אויסער דער היים. כ׳האָב נישט געהאַט פאַר אים נישט קיין צימער, נישט קיין געלעגער, נישט קיין געלט, נישט קיין צייט. ווי די דאָזיקע יידישע שיף מיט דער וויס־בלויער פאָן און דעם מגן־דוד, האָט ער מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אויסטערלישע קאָמבינאַציע פון דעם געוועזענעם און דעם היינט. ער האָט מיר געהאַט געשריבן אַז פון אַלע שפּראַכן וואָס ער האָט געפּלאַפּלט אין די קינדער־יאָרן — יידיש, פּויליש, רוסיש, טערקיש — קאָן ער בלויז העבראיש. כ׳האָב געוווסט פאָראויס אַז מיט דעם ביסל לשון־קודש וואָס איך קאָן פון חומש און פון דער גמרא, וועל איך זיך נישט קאָנען מיט אים

פֿאַנאַדערשמועסן. אָנשטאָט צו רעדן צו מיין זון, וועל איך דאַרפֿן שטאַמלען, נישטערן אין ווערטער־ביכער . . .

דאָס געדראַנג און דער רויש איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. אַלע האָבן געטומלט, געשריגן, זיך געשטופּט מיט דער גוזמא׳דיקער פֿרייד פֿון יענע וואָס האָבן פֿאַרלוירן די מאָס פֿאַר וועלטלעכע דערגרייכונגען. ווייבער האָבן געהוילט מיט היסטערישע קולות. מאַנסלייט זענען זיך פֿאַרגאַנגען מיט הייזעריקע שטימען. פֿאָטאָגראַפֿיסטן האָבן פֿאָטאָגראַפֿירט. רעפּאָרטערן האָבן גענומען אייליקע אינטערוויוען. ס׳איז געשען מיט מיר ס׳אייגענע וואָס טרעפֿט אַלעמאָל ווען כ׳קום צווישן מענטשן: אַלע איבעריקע ווערן איין געזינדל און איך בלייב אַ דרויסנדיקער. קיינער האָט צו מיר נישט גערעדט און איך האָב זיך צו קיינעם נישט געווענדט. דער סודות׳דיקער כּוח וואָס האָט זיי אַלע צונויפֿגעהאָפּטן, האָט מיך פֿון זיי אָפּגעשיידט. אויגן האָבן מיך אַ מעסט געטאָן פֿאַרווירט און ווי געפֿרעגט שטומערהייט: וואָס טוט ער דאָ? כ׳האָב נאָך אַ צעגערניש געפּרוּווט עפּעס פֿרעגן ביי עמיצן, אָבער יענער האָט מיך, ווייזט אויס, נישט געהערט ווייל ער האָט אַ צעיאַכמעטער אַוועקגעשפּאַנט אין מיטן. כ׳האָב פּונקט אַזוי געקאָנט זיין אַ גייסט. נאָך אַ ווייל האָב איך באַשלאָסן דאָס וואָס כ׳באַשליס אַלעמאָל אין אַזוינע פֿאַלן: צו מאַכן שלום מיטן גורל. כ׳בין געשטאַנען אין אַ ווינקל און געזען אַלעמען אַרויסקומען. כ׳האָב דורכגעפֿירט אין געדאַנק אַ סאָרט סע־לעקציע. צווישן די אַלטע און די מיטליעריקע איז מיין זון זיכער נישט פֿאַראַן. עמיץ מיט פֿעך־שוואַרצע האָר, ברייטע פּלייצעס, פֿייערדיקע אויגן — קאָן אויך נישט שטאַמען פֿון מיינע לענדן. אָבער אָט האָט אויפֿגעטויכט אַ בחור מאָדנע ענדלעך צו יענעם סאָלדאַט פֿון דער פֿאָטאָגראַפֿיע: הויך, מאָגער, אַביסל געבויגן, מיט אַ לענגלעכער נאָז און אַ שמאָלן קין. דאָס איז ער! — האָט עפּעס אין מיר אַ געשריי געטאָן. כ׳האָב זיך געטאָן אַ ריס צו אים צוצולויפֿן. ער האָט עמיצן געזוכט. אַ טאַטישע ליבשאַפֿט האָט זיך אומגעריכט אויפֿגעוועקט אין מיר. די באַקן זיינע זענען געווען איינגעפֿאַלן. אַ קרענקלעכע בלאַסקייט איז געלעגן אויף זיין פּרצוף. ער איז שלאַף! ער האָט די שווינדזוכט! — האָט עפּעס אין מיר געררופֿן. כ׳האָב שוין געעפֿנט דאָס מויל אַ רוף צו טאָן גיגי (אַזוי האָט מען מיין ייִנגל גערופֿן קליינערהייט), ווי ס׳האָט זיך צוגעקייקלט צו אים אַ דיקע דאַמע און אים איינגעקלאַמערט אין די אָרעמס. איר געוויין איז אַריבער אין אַ בילעריי. באַלד איז אָנגעלאָפֿן אַ גאַנצע כאַפּטע קרובים. מ׳האָט מיר געהאַט אויסגעכאַפּט אַ זון וואָס איז נישט מיינער. ס׳איז געווען דערין אַ סאָרט גייסטיקע קידנעפּינג. די פֿאָטער־לעכע געפֿילן מיינע האָבן זיך פֿאַרשעמט און אין איילעניש אָפּגעטראָטן אויף צוריק אין יענעם באַהעלטעניש וואו געפֿילן קאָנען אָפּליגן יאָרן און נישט טאָן קיין פּיפּס. מיר האָט זיך געדוכט אַז כ׳בין רויט פֿון חרפּה פֿאַר

מיינע פאַרפּאַטשטע עמאָציעס. כ׳האָב ביי מיר אָפּגעפּאַסט פון איצט אָן צו וואַרטן געדולדיק און זיך נישט אַריינצולאָזן אין פריצייטיקער צעגיסעניש. אויף אַ ווייל האָבן די פּאַסאַזשירן אויפגעהערט אַרויסצוקומען, און איך האָב געטראַכט ביי זיך: וואָס איז איבערהויפּט אַ זון? מיט וואָס זענען מיינע זוימען מיר נענטער ווי פון עמיצן אַנדערש? וואָס פאַרוואָ ווערט האָט די פאַרוואַנדשאַפט פון בלוט־און־פליייש? מיר זענען אַלע שוים פון דעם איינענעם ביאָלאָגישן קעסל. מיט אַ צאָל דורות צוריק האָבן די אַלע פרעמדע אודאי געהאַט אַ בשותפות׳דיקן עלטער־זיידן. און אין צוויי דורות שפּעטער וועלן די איצטיקע נאָענטע זיך זיין פרעמד. ס׳איז אַלץ צייטווייליק, פאַרגייענ־דיקע מאָדוסן, בלעזלעך פון איין ים, מאָך פון איין געמויזעכץ. וויבאַלד מ׳קאָן נישט ליב האָבן אַלעמען, דאַרף מען קיינעם נישט ליב האָבן...

די פּאַסאַזשירן האָבן ווידער אָנגעהויבן אַרויסקומען. דריי בחורים זענען אַרויס מיט אַמאָל. איך האָב יעדן פון זיי געפּאַרשט. ניין, קיינער פון זיי איז נישט גיגי, און אויב אַפילו יאָ, וועט מען אים סיזוי נישט אויס־כאַפּן. ס׳איז געווען אַ דערלייכטערונג ווען יעדער פון דעם דריילינג איז אַוועק מיט עמיצן אַנדערש. קיין איינער פון זיי איז מיר נישט געפעלן. זיי האָבן אַלע געהערט צום המון. איינער פון זיי האָט אפילו געוואָרפן אויף מיר פון הינטערווייַלעכץ אַ קריגערישן בליק, ווי ער וואָלט אויף אַ מיס־טעריעזן שטייגער אויפגעכאַפּט מיינע גרינגשעצערישע טראַכטענישן וועגן אים און זיינסגלייכן...

.2

וויבאַלד ער איז מיין זון, וועט ער אַרויסקומען דער לעצטער — איז מיר איינגעפאַלן, אַז ווי ווייל דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ השערה, האָב איך געוווסט ביי מיר אַז אַזוי וועט געשען. כ׳האָב זיך געהאַט אָנגעגורט מיט געדולד און מיט יענעם יאוש וואָס לויערט שטענדיק אין מיר, גרייט צו אימוניזירן מיינע דורכפאַלן, צו צוימען יעדן דראַנג זיך אַרויסצורייסן פון די אייגענע גרעניצן. כ׳האָב איצט באַטראַכט יעדן פּאַסאַזשיר, גרייט צו טרעפן פון זיין צורה און הלבשה — דעם כאַראַקטער און די פערזענלעכ־קייט. אפשר האָט זיך מיר בלויז געדוכט, נאָר יעדעס פּנים האָט מיר אויפ־געדעקט סודות. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז כ׳וויס געגוי ווי ביי יעדן אַרבעט דער מוח. דערביי האָבן אַלע געהאַט אין זיך עפּעס בשותפות׳דיקס: די מידקייט פון דער נסיעה אויפן ים, די אויפגערייצטקייט און אומזיכערקייט פון אָנקומען אין אַ נייער מדינה. אַלעמענס אויגן האָבן ווי געפרעגט אָפּגע־נאַרטע: איז דאָס אַמעריקע?... דאָס מיידל מיטן נומער אויפן אָרעם האָט בייז געשאָקלט מיטן קאָפּ: די גאַנצע וועלט איז איין אוישוויץ... אַ ליט־ווישער רב מיט אַ גרוי קיילעכדיק בערדל און אַרויסגעבאַלטע אויגן, האָט געטראָגן מיט זיך אַ ספר. ס׳האָט אים אָפּגעוואַרט אַ בינטל ישיבה־בחורים.

ווי נאָר ער האָט זיי באַגעגנט, האָט ער גלייך גענומען דרש׳נען, מיט דעם כעס׳דיקן ברען פון יענע וואָס זענען דערגאַנגען דעם אמת און ווילן אים וואָס גיכער פאַרשפּרייטן. כ׳האָב געהערט ווי ער זאָגט: תורה... תורה... כ׳האָב געהאַט אַ פאַרלאַנג אים צו פרעגן: פאַרוואָס האָט די תורה נישט באַשיצט די זעקס מיליאָן ייִדן פון היטלערס גאַז־קאַמערן? אָבער צו וואָס פרעגן ווען כ׳ווייס אַליין דעם ענטפער: כי לא מחשבותי מחשבותיכם... קידוש־השם איז די העכסטע זכיה... איין פאַסאַזשיר האָט גערעדט דייטש־מעריש — נישט דייטש און נישט ייִדיש, נאָר אַ קוידערוועלש פון שמר׳ס ראָמאַנען, און — ווי אויסטערליש! — יענע וואָס האָבן אים אָפּגעוואָרט, האָבן געפּלוידערט אויף דעם אייגענעם לשון...

כ׳האָב מיר אָפּגעגעבן אַ רעכענונג אַז אין דעם גאַנצן תוהו־ובוהו הערשן פּרעציזע געזעצן. די טויטע בלייבן טויט. די לעבעדיקע האָבן זייערע זכרונות, חשבונות, פּלענער. ערגעץ ווו אין די גריבער אין פּוילן וואַלגערן זיך נאָך קופּעס אַש פון די פאַרברענטע. אין דייטשלאַנד ליגן איצט די געוועזענע נאַציס אין די בעטן, יעדער מיט זיין צעטל מאָרדן, פּייניקונגען, גאַנצע און האַלבע פאַרגוואַלדיקונגען. ס׳מוז ערגעץ זיין אַ ווייסער וואָס ווייסט יעדע מחשבה פון אַ מענטש, יעדן וויטאָג פון אַ פליג, יעדן קאָמעט, מעטעאָר, יעדן מאָלעקול אין דער וויטסטער גאַלאַקס. כ׳האָב זיך ווי דורכגעשמועסט מיט אים: נו, אַלמעכטיקער ווייסער, ביי דיר איז אַלץ רעכט. האָסט די גאַנצע אינפאָרמאַציע און דעריבער ביזטו אַ חכם. אָבער וואָס זאָל איך טאָן מיט מיינע ברעקלעך אינפאָרמאַציע?... יאָ,, כ׳מוז וואַרטן אויף מיין זון... די פּאַסאַזשירן האָבן ווידער געהאַט אויפגעהערט אַרויסקומען און מיר האָט זיך אויסגעדוכט אַז אַלע זענען שוין אויסגעשטיגן. כ׳בין געוואָרן אָנגעשפּיצט. איז ער נישט געקומען מיט דער דאָזיקער שיף? האָב איך אים פאַרזען? אפשר איז ער אַריינגעשפּרונגען אין ים?... כמעט אַלע זענען אַרויס פון וואַרט־זאַל און מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז מ׳גרייט זיך אויסצולעשן די לאָמפּן. וואָס זאָל איך איצט טאָן? כ׳האָב געהאַט אַ פאָרגעפיל אַז עפּעס אַ שטרויכלונג וועט טרעפן דעם דאָזיקן זון וואָס איז צוואַנציק יאָר צייט געווען פאַר מיר אַ וואָרט, אַ נאָמען, אַ שולד אין מיין געוויסן...

מיטאַמאָל האָב איך אים דערבליקט. ער איז אַרויסגעקומען פּאַמעלעך, מיט אַ קווענקלעניש און מיט אַן אויסדרוק ווי ער וואָלט זיך נישט געריכט עמעץ זאָל אים אָפּוואַרטן. ער איז געווען ענלעך צו דער פאָטאָגראַפיע, אָבער שוין עלטער. ס׳איז געווען אין זיין פּנים און אין דער קליידונג אַ יוגנטלעכע צעקנייטשטקייט, די צעקנוידערטקייט און אָפּגעכוימעלטקייט פון אַ יונגנמאַן וואָס וואַלגערט זיך שוין יאָרן אין דער פרעמד, איז שוין אַ סך דורכגעגאַנגען און איז אַלט פאַר דער צייט. די בלאָנדע האָר זענען געשטאַנען צעשויבערט,

אין צויטן, און מיר האָט זיך געדוכט אַז ס׳שטעקן אין זיי שטרויעלעך און הייעלעך ווי ביי יענע וואָס נעכטיקן אין שייערן. די העלע אויגן האָבן גע־שמייכלט און געזשמורעט הינטער די ווייסלעכע ברעמען מיט דעם בלינדלעכן שמייכל פון אַן אַלבינאָ. ער האָט געטראָגן מיט זיך אַ פּעקל איינגעוויקלט אין פּאַק־פּאַפּיר און אַ הילצערן טלומיקל ווי אַ רעקרוט. אַנשטאָט אים גלייך אַקעגנצולויפן, האָב איך אָפּגעוואַרט אַ ווייל און געגאַפט אויף אים. די פּלייצע זיינע האָט זיך שוין באַצייטנס געבויגן, נישט ווי ביי אַ ישיבה־בחור נאָר ווי ביי עמעצן וואָס טראָגט יאָרן לאַנג לאַסטן. ער האָט אויסגעזען גע־ראָטן אין מיר, אָבער כ׳האָב דערקאָנט אין אים שפּורן פון אַנדערן צד, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט מיט מיר פאַרשטענדיקן. אַפילו אין אים, דעם פּראָדוקט, האָבן די קעגנערישע שטריכן נישט געהאַט קיין האַר־מאָניע. דער מאַמעס ליפּן האָבן זיך נישט געפּאָרט מיט דעם טאַטנס קין. די אַרויסשטאַרצנדיקע באַקן־קישעלעך האָבן נישט געפּאַסט צו דעם הויכן שטערן. ער האָט זיך אומגעקוקט באַדעכטיק אין בידע זייטן און די מינע זיינע האָט גוטמוטיק געזאָגט: אוודאי, ער איז מיך נישט געקומען באַ־געגענען... איך האָב זיך דערנענטערט און אומזיכער געפרעגט:

— אתה גיגי?

ער האָט געטאָן אַ לאַך.

— כן, אני גיגי...

מיר האָבן זיך געקושט און די שטעכיקע באָרד אויף זיינע באַקן האָט אַ רייב־געטאָן מיין פּנים ווי אַ ריבאייזן. ער איז מיר געווען פרעמד, אָבער דערביי האָב איך געוווּסט אַז איך בין אים אַקוראַט אַזוי געטריי ווי יעדער אַנדערער טאַטע. מיר זענען געשטאַנען שטיל, מיט דעם צוזאַמענהאַנג וואָס בויטיקט זיך נישט קיין ווערטער. אין איין רגע האָב איך באַנומען וואָס דער דאָזיקער יונג איז און ווי איך דאַרף זיך מיט אים באַגיין. ער האָט געהאַט דורכגעמאַכט דריי יאָר מיליטער, אַ ביטערע מלחמה; ער האָט שוין געהאַט ווער־ווייסט וויפל מוידן, אָבער ער איז געבליבן שעמעוודיק ווי ס׳קאָן נאָר זיין אַ מאַנסביל. איך האָב גענומען רעדן צו אים העבראיש, אַ קאַפּעלע פאַרבליפּט פון מיין אייגענער קענטשאַפט. כ׳האָב גלייך גע־קראָגן די אויטאָריטעט פון אַ פאָטער און ס׳זענען אויסגערונען אַלע אינהי־ביצעס. כ׳האָב געפּרוּווט נעמען זיין טלומיקל, אָבער ער האָט עס מיר נישט געוואָלט געבן. מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אינדרויסן וואַרטן אויף אַ טאַקסי, אָבער אַלע טאַקסיס זענען שוין געהאַט אַוועק. דער רעגן האָט גע־האַט אויפגעהערט. די גאַס ביים האַפן האָט זיך אויסגעשטרעקט אַ נאַסע, הינטערשטאָטיש־טונקל, שלעכט־ברוקירט. דער אַספאַלט פול מיט גריבער וואַסער וואָס ס׳האָבן זיך געשפּיגלט אין זיי שטיקער אַנגעגליטער הימל, בידריק און רויט ווי אַ מעטאַלענע דעק. די לופט האָט געשטיקט. ס׳האָט

געבליצט, אָבער נישט געדונערט. איינציקע טראָפּנס זענען געפאַלן פון דער הויך און ס׳איז שווער געווען צו וויסן צי איז דאָס שפּריי פון פריערדיקן רעגן, אָדער שפּריצן פון אַ נייעם. ס׳האָט מיר עפּעס נישט געפּאַסט וואָס ניו־יאָרק אַנטפּלעקט זיך צו מיין זון באַלד פון אָנהויב אַזוי חושכ׳דיק און אָפּגעכוימלט; כ׳האָב געהאַט די אייטעלע אַמביציע אים צו ווייזן וואָס גיכער די שענערע פּערטלען פון דער שטאָט; אָבער מיר האָבן אָפּגעוואַרט פופצן מינוט און קיין טאַקסי האָט זיך נישט באַוויזן. ס׳האָט זיך שוין דערהערט דער ערשטער דונער. ס׳איז נישט געבליבן קיין אַנדערע עצה ווי זיך צו לאָזן גיין צופוס.

מיר האָבן בידע גערעדט אין דעם אייגענעם נוסח: קורץ, שאַרף, מיר האָבן זיך נישט גענויטיקט אין קיין לאַנגע רייד, — ווי אַלטע חברים וואָס קאָנען איינער דעם אַנדערנס מחשבות. ער האָט מיר ווי געזאָגט אָן ווערטער: כ׳פאַרשטיי אַז דו האָסט נישט געקאָנט הויזן מיט מיין מוטער. כ׳האָב נישט צו דיר קיין תרעומת. כ׳בין אַליין אויך געקנעטן פון דיין טייג... איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פאַראַ סאָרט איז דאָס מיידל וואָס וועגן איר האָסטו מיר געשריבן?

— אַ וואויל מיידל. איך בין געווען איר מדריך אין קיבוץ. זי איז שפּעטער אַוועק מיט מיר אין מיליטער.

— וואָס טוט זי אין קיבוץ?

— אין שטאַל.

— זי האָט כאָטש שטודירט?

— מיר זענען צוזאַמען געגאַנגען אין גימנאַזיע.

— ווען וועט איר חתונה האָבן?

— אַז כ׳וועל צוריקקומען. די עלטערן פאַרלאַנגען מיר זאָלן שטעלן אַ חופּה...

ער האָט עס געזאָגט אויף אַ שטייגער וואָס האָט געהייסן: אַוודאי, מיר בידע נויטיקן זיך נישט אין אַזוינע צערעמאָניעס, אָבער עלטערן פון טעכטער האָבן אַן אַנדערע לאָגיק...

כ׳האָב צוגערופן אַ טאַקסי און ער האָט האַלב פּראָטעסטירט: צו וואָס אַ טאַקסי? מיר וואָלטן געקאָנט גיין צופוס... איך קאָן שפּאַנען מיילן... כ׳האָב געהייסן דעם טרייבער פאָרן איבער דער צוויי־און־פערציקסטער גאַס, איבער דעם באַלויכטענעם טייל פון בראָדוויי און דערנאָך זיך פאַרקערן אויף דער פינפטער עווענו. גיגי איז געזעסן און אַרויסגעקוקט דורך דער שויב. כ׳האָב קיינמאָל נישט אַזוי שטאָלצירט מיט די וואָלקנקראַצערס און די ליכטער פון בראָדוויי ווי יענעם אָוונט. ער האָט געקוקט און געשוויגן. כ׳האָב ערגעץ־ווו באַנומען אַז ער טראַכט איצט פון דער מלחמה מיט די

אַראַבער און די אַלע געפאַרן וואָס ער איז דורכגעגאַנגען אויפן שלאַכטפעלד; אָבער די כוחות וואָס פירן מיט דער וועלט האָבן, אַ פּנים, געהאַט באַשערט ער זאָל קומען קיין ניו־יאָרק, זיך זען מיט זיין טאַטן. כ׳האָב ווי געהערט זיינע געדאַנקען הינטערן שיידל. ער האָט, גלייך ווי איך, זעט־אויס, זיך געגריבלט אין די אייביקע פראַגן. ווי אויסצופרווון מיין טעלעפּאַטישן כוח, האָב איך אַ זאָג געטאָן:

— ס׳זענען נישטאָ קיין צופאַלן. אויב דו לעבסט, האָסטו געדאַרפט בלייבן לעבן.

ער האָט אומגעקערט צו מיר דעם קאָפּ אַ פאַרחידוש׳טער.

— העי, דו ביזט אַ יודע מחשבות?...

און ער האָט געשמייכלט געפּלעפט, נייגעריק, סקעפּטיש, אַ שטייגער ווי איך וואָלט אים נאָר־וואָס אָפּגעטאָן עפּעס אַ פאָטערלעך שפּיצל...